בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת משפטים תשע"ז | שבת מברכין – שקלים | גליון 398 [שנה ט']

**כְּשֶׁיִּהְיוּ בַּעֲלֵי דִינִין עוֹמְדִים לְפָנֶיךָ יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּרְשָׁעִים**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) עס שטייט אין פרק (אבות א ח) וּכְשֶׁיִּהְיוּ בַּעֲלֵי דִינִין עוֹמְדִים לְפָנֶיךָ, יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּרְשָׁעִים, ווען די בעלי דינין שטיין פאר די דיינים דארף בי"ד האלטן אז די בעלי דינין זענען רשעים, קען מען דאס מרמז זיין: וְאֵלֶּ'ה' הַמִּשְׁפָּטִ'ים' אֲשֶׁ'ר' תָּשִׂי'ם', איז ס"ת מרמ"ה, אז ביי משפטים דארף בי"ד האלטן אז דא איז מרמ"ה, לִפְנֵיהֶם, די וואס שטייען פאר זיי. (תרחם ציון ר' שלום הכהן אב"ד ג'רבא)

**די קוֹל פון משה איז קוֹל ה'**

וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיְסַפֵּר לָעָם אֵת כָּל־דִּבְרֵי ה' וְאֵת כָּל־הַמִּשְׁפָּטִים וַיַּעַן כָּל־הָעָם קוֹל אֶחָד וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה: (כד ג) איז שווער וואס מיינט קוֹל אֶחָד? נאר מען זאגט פון הייליגן ישמח משה וואס פרעגט אז עס שטייט וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה: אז אלע האבן מסכים געווען און געזאגט נַעֲשֶׂה וואס לכאורה איז אינטרעסאנט אז מען האט נישט געזאגט אז משה רבינו האט אליין אויסגעטראכט וואס ער האט געזאגט, ווייל נאר די ערשטע צוויי דיברות האט מען געהערט פון אויבערשטן? און ער ענטפערט אז ווען משה רבינו האט גערעדט פאר כלל ישראל, האט די הייליגע שכינה גערעדט פון זיין מויל, מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹהִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל (שמות י"ט י"ט) און רש"י זאגט: והקב"ה מסייע לָתֵת בו כֹּחַ להיות קוֹלוֹ מגביר ונשמע, און די קוֹל איז געווען אזוי שטארק אז מען האט דאס געהערט ד' מאות פרסה, און ווייל די נשמות האבן געהערט די ערשטע צוויי דיברות פון אויבערשטן ביי הר סיני, האבן זיי אויך געזען אז די קוֹל פון משה איז די זעלבע ווי דער קוֹל ה', האבן די אידן געזען אז משה רעדט בשליחות פון ה'. דאס מיינט די פסוק: וַיַּעַן כָּל־הָעָם, אלע האבן געזאגט, קוֹל אֶחָד, די קוֹל פון משה איז די זעלבע ווי דער קוֹל ה', עס איז איין שטימע, און וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַדְּבָרִים, אלע רייד פון משה איז, אֲשֶׁר־דִּבֶּר ה': אז דאס איז די רייד פון ה', דעריבער האבן זיי מסכים געווען און געזאגט נַעֲשֶׂה, מיר וועלן טאן און היטן די מצוות. (קול יהודה) און דער ספר תִּשְׁבִּ"י ברענגט די זעלבע תורה פון ישמח משה פון א ספר מנחת פיתים און איז מוסיף אז דאס מיינט דער פסוק בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם־בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם, זיי האבן געזען אז די קוֹל פון משה איז די זעלבע ווי דער קוֹל ה', וועלן זיי גלויבן אז דו רעדט'ס אין מיין שליחות. (קול יהודה – ר' יהודה ארי' קליין רו"מ בפעסט, וספר תשב"י להגאון ר' פייש פאללאק אב"ד ווייטצען)

**זיך ארייננמישן נאר לשם שמים**

וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי וכו' לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ: (כב ל) שטייט אין מדרש (שמות רבה פל"א ט'): "מַה הַכְּלָבִים אֶחָד נוֹבֵחַ וְכוּלָם מִתְקַבְּצִים וְנוֹבְחִים עַל חִינָם אֲבָל אַתֶּם לֹא תִהְ' כֵּן מִפְּנֵי שֶׁאַנְשֵׁי קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי". כדי דאס צו פארשטיין קען זיין, ווייל באמת אויב איינער טוט א פארברעך אנקעגן א צווייטן איז מען מחוייב זיך ארייננמישן און העלפן דעם צווייטן פון די פארברעך אבער מען דארף מיינען טאקע צו ראטעווען, אבער די בעלי מחלוקת ווען זיי זעהען א פארברעך מישן זיי זיך אריין, נישט צו העלפן, נאר צו אויפבלאזן די אֵש המחלוקת! אזוי ווי די כלבים ווען איינער בילט, בילן די אנדערע הינט, ווייל א כלב האט ליב צו בילן. דאס זאגט די תורה וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי, ווען מען זעט א פארברעך זאלט איר זיך ארייננמישן ווי א הייליגע פאלק ווייל אויב איר וועט מיינען מחלוקת אחרים דעמאלטס לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ זענט איר אזוי ווי הינט און נישט אַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ. (כתב סופר)

**שייכות שקר צו נקי וצדיק אל תהרוג**

מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג כִּי לֹא־אַצְדִּיק רָשָׁע: (כג ז) וואס איז די שייכות פון מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק, רעדן שֶׁקֶר צו וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג, הרגנען א נָקִי וְצַדִּיק? נאר עס שטייט אין די גמ' (סנהדרין יז א) און די רמב"ם פסקענ'ט אזוי (הל' סנהדרין פ"ט ה"א) ביי דיני נפשות: א בי"ד וואס אלע זאגן זכאי איז מען זכאי, אבער א בי"ד וואס אלע זאגן חייב איז מען זכאי, און ביי נחלקו, זיי זענען צו טיילט, טוט מען וואס רוב זאגן אדער חייב אדער זכאי. זאגט דער אור החיים הק' (כג ב) אויב בי"ד וועט זאגן חייב, און דער לעצטער דיין ווייסט אז דער מענטש איז זכאי, און אויב ער וועט זאגן זכאי, וועט יעצט זיין רוב חייב, און זיין חייב מיתה, וועט דער דיין וועלן זאגן א שקר אז חייב, ממילא וועט זיין כולו חייב, און דער דין וועט זיין זכאי! זאגט די תורה לֹא־תִהְיֶה אַחֲרֵי־רַבִּים לְרָעֹת ע"כ. קען מען לויט דעם אויך דא זאגן: מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק, מען טאר נישט זאגן א ליגן אז חייב כדי נישט הרגנען א מענטש, –ווייל כולו אומר חייב איז זכאי– און וועסט זאגן וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג, דו ווילסט נישט אז דורך דיין זאגן זכאי, וועט יענע זיין חייב מיתה, ניין! ווייל כִּי לֹא־אַצְדִּיק רָשָׁע, אויב ער איז חייב מיתה, וועט דער אויבערשטער אים נישט מצדיק זיין, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט וגו' וְאֵין עָוֶל (דברים לב ד) נאר דער אויבערשטער וועט סיי ווי אים געבן זיין עונש ממילא דו זאלסט זאגן די אמת. ווייל עס שטייט אֱלֹקִים נִצָּב בַּעֲדַת קֵל (תהלים פב א) און אויב דער אויבערשטער וועט וועלן ער זאל זיין זכאי, וועט ער נישט ארייינלייגן ביי דיר א דעת צו זאגן זכאי, דאס איז די שייכות שקר צו מיתה. (פני מבין – ר' נתנאל פריד)

**מחלה ווערט הלחם**

וּבֵרַךְ אֶת־לַחְמְךָ וְאֶת־מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ: (כג כה) דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון וּבֵרַךְ אֶת־לַחְמְךָ מיט וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ? נאר עס שטייט וּלְשׁוֹן חֲכָמִים מַרְפֵּא:(משלי יב יח) און אין די ספרים הקדושים שטייט אז צדיקים זענען מהפך מדת דין צו רחמים דורך איבערדרייען אותיות אדער צו לייגן די ווארט לֹא, אזוי ווי ביי די פסוק "לֹא" הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב "וְלֹא" רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל (במדבר כג כא) און אויך אין גמ' (ברכות ה:) שטייט ביי ר' יוחנן "דְּיָהִיב יָדוֹ וְאוֹקְמֵי" ר' יוחנן האט אים געגעבן זיין האנט און אים אויסגעהיילט, פרעגט דער אריז"ל וואס עפעס די יָדוֹ, די הַאנט? נאר דְּוַי מיינט יסורין, –דְּוַי הָסֵר–, און כדי אוועק נעמען די יסורין, דרייט מען איבער די ווארט דְּוַי צו יָדוֹ. און עס ווערט אויס דְּוַי, און אזוי פון א צָרָה ווערט איבערגעדרייט צו רְצֵה, און פון א נֶגַע ווערט איבערגעדרייט צו עֹנֶג, דאס זעלבע איז דא אין פסוק וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹהֵיכֶם, וועסט דינען דעם אויבערשטן, וועט זיין וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה, און פון מַחֲלָה דאס מאכן די אותיות הַלֶּחֶ"ם, און ממילא איז פשט עס וועט זיין וּבֵרַךְ אֶת־לַחְמְךָ ווייל וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה די מַחֲלָה וועט ווערן הַלֶּחֶ"ם. און די גמ' (כתובות ק"ג ע"א) זאגט לשון חכמים ברכה, אז די צדיקים דרייען איבער ווערטער צו א ברכה. אמן כן יהי רצון. (פני מבין – ר' נתנאל פריד)

# מדור העובדות

## דער צדיק קוקט צו טרעפן פון דערוווייטנ'ס כדי אוועקנעמען די צער פון א איד

ר' יצחק ז"ל איז געווען פון די חסידים פון הרה"ק ר' מרדכי שרגא מהוסיאטין זון פון הייליגן ריזינער זצוק"ל און אויך א חסיד פון זיין הייליגן זון ר' ישראל פון הוסיאטין, ער איז געווען א עובד ה' און גענאשט אסאך חסידות פון זיין רבי'ס און געשטיגן אין עבודה און יראת שמים. ער איז געווען א יגיע כפו און שווער געארבעט און געהאט פרנסה, ער האט נישט געקענט פארן אפט קיין הוסיאטין וועגן זיין פרנסה, אבער פון יעדע נסיעה האט ער נאך געקוקט די עבודה פון צדיק און זיך אנגעווארעמט מיט די הייליגער טישן און דברי תורה וואס האט אים מחזק געווען זייענדיג ווייט פון הוסיאטין.

עס איז געקומען די צייט וואס ער דארף פארן צום צדיק און  ר' יצחק וויל ברענגען א מתנה פארן רבין אבער געלט אויף א שיינע מתנה איז נישט געווען האט ער געקוקט אין שטוב צו זען צו עפעס איז דא וואס ער קען ברענגען צום רבין און ער זאל הנאה האבן פון דעם, זיינע אויגן שלעפן אים צום ספרים שאפע וואס דארטן איז א סעט משניות א גאר אלטע וואס ער האט גע'יארשענט פון זיין טאטע און איז געווען שיין געבונדען אין לעדער און ער ר' יצחק האט זיין אייגענע סעט משניות וואס ער נוצט, ממילא וועט ער מהנה זיין דעם רבין מיט דעם סעט.

ר' יצחק גייט ארויף אויפן בענקל אראפצונעמען די סעט משניות און נעמט אראפ די שטויב און נעמט דאס אראפ אבער צו זיין וואונדער געפינט ער נאר פינף בענדער און דרייט איבער די הויז און די ספרים שאפע און איז אויס מענטש ער קען נישט טרעפן די זעקסטער באנד! ר' יצחק זעצט זיך אוועק און טראכט א עצה וואס ער זאל טאן? זאל ער געבן דעם רבין א משניות וואס פעלט א באנד, אדער זוכן עפעס א גאנצע זאך און אזוי טראכטנדיג איז ער מחליט ער וועט געבן די סעט משניות און ווען ער וועט טרעפן די זעקסטער באנד וועט ער דאס ברענגען צום רבין אין א קומענדיגן נסיעה. און בפרט אז די פינף בענדער זענען גאר שיין און אלט און עס וועט זיין א חשיבות אפילו עס פעלט א באנד,

ר' יצחק גרייט זיך צו זיין נסיעה און פאקט איין שיין די ספרים און נעמט זיך פארן. ער קומט אן קיין הוסיאטין און ווארט אויף זיין צייט אריינגיין צום רבין און ווען ער קומט אריין און נעמט שלום דערלאנגט ר' יצחק א קוויטל צום רבין און זאגט ער האט געברענגט א טייערע סעט משניות אלץ א מתנה פארן רבין אבער עס טוט אים לייט אז עס פעלט א באנד. דער רבי ליינט די קוויטל און דערנאך עפענט ער דעם מתנה און זעט די סעט משניות און באוואונדערט עס פאר ר' יצחק, און מען גייט אריין אין א חסידישע שמועס און ר' יצחק שוועבט אין די עולמות און קוועלט פון יעדן ווארט און דער רבי געזעגנט זיך מיט אים און ר' יצחק פארט אהיים.

ר' יצחק האט נאך אלץ געזוכט דער פארלוירענעם באנד און קען דאס נישט טרעפן, ער נעמט ארויס אלע ספרים און באקוקט איינס ביי איינס ביז ער האט שוין מייאש געווען און מער נישט געזוכט! ר' יצחק האט געהאט א זון ר' יונה צבי וואס איז אויך געווען א פייערדיגן חסיד און איינמאל איז ער געווען ביים צדיק און בתוך הדברים האט דער רבי אים געפרעגט וואס מאכט זיין טאטע ר' יצחק? האט ר' יונה צבי געענטפערט אז ער איז נאך אלץ בצער פארוואס ער קען נישט טרעפן די זעקסטע באנד משניות.

אויב אזוי! זאגט דער רבי דארף מען אים העלפן דאס זוכן, דער רבי נעמט זיך קוקן דא און דארט אזוי ווי ער זוכט די משניות און נאך א פאר מינוט רופט זיך אן דער רבי, איך מיין אז מען זאל זוכן אין א געוויסע פלאץ וואס דער רבי האט פונקט אוים געמאל'ט אז דער טאטע האט נאך דארטן נישט געזוכט, און מען נעמט זיך רעדן אין אנדערע ענינים.

ר' יונה צבי קומט אהיים און גייט צו זיין טאטע און דערציילט אים וואס איז געווען ביים רבין, און ר' יצחק ווערט היסטעריש, און זאגט אוודאי! פארוואס איז מיר נישט איינגעפאלן דארטן צו זוכן און איז תיכף דארטן געגאנגען זוכן און איז נשתומם אז דארטן וואו דער רבי האט געזאגט איז געלעגן די משניות. די שמחה ביי ר' יצחק איז געווען גרויס און איז גלייך געפארן איבערגעבן די משניות און דאנקען דער רבין פאר דעם אראפנעמען די ווייטאג פון זיין הארץ. דער רבי האט דאס געזען פון דערוווייטנ'ס!

**מאמר- די הייליגע אויגן פון צדיקים**

דער אויבערשטער האט באהאלטן די אור הגנוז פאר די צדיקים וואס דורך די אור הגנוז קענען די צדיקים זען וואס טוט זיך מסוף העולם עד סופו און דאס איז ווייל די גשמיות'דיגע וועגט קענען נישט אפהאלטן די רוחניות'דיגע אויגן, און עס שטייט פון הייליגן בעל שם טוב געברענגט אין ספר מאור עינים פ' ואתחנן אז דורך לערנען תורה לשמה קען מען אריינקוקן אין א ספר און זען אלעם וואס ווען זיין, ווייל די אור הגנוז איז דאס וואס עס שטייט זוכה לדברים הרבה, און אויך דער וואס היט זיינע אויגן איז ער זוכה צו עינים צופיות למרחוק, און דאס קען אפשר מיינען הנה עין ה' אל יראיו, דער ירא ה' איז זוכה צו די עין ה' וואס דאס קען מיינען די אור הגנוז, און דאס קען זיין אויך עיני ה' אל צדיקים די אור הגנוז וואס איז כביכול ווי די אור הגנוז דאס איז פאר די צדיקים. און אויך האט מען געזען ביי צדיקים אז זיי האבן נישט געקענט זען א שלעכטע ראיה מיט זייער אויגן, און דאס קען אויך זיין עין ה' אל יראיו, דער ירא ה' קען נאר זען מיט זיין עין, נאר ה', רוחניות'דיגע און הייליגע זאכן. (שמח זבולון תשע"ז)


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*מיר האבן אסאך ספרים מיט חתימות פון אידן פארן קריג, שיקט אריין די נעמען פון אייער קרובים און מיר קענען טרעפן זייער נעמען אין די ספרים, תהלים נדפס בסלאוויטא חסר רק ד' דפים יש שער במעמדות $13000, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון*, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר $1500, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמור"י טשערנאביל $200, רק שני עותקים, ספרי נגינה וואס האבן באלאנגט צו החזן הרה"ח ר' בן ציון שענקער ז"ל, $2000 א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט אים געגעבן אלץ בחור $1000, סידור חסד לאברהם עם כוונת האריז"ל מנטובא תקמג מצב מצויין כמו חדש $10000 כל הקודם זוכה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA   718 438 8414  718 633 5500 T/f  Hours are 11-7:30  Fri  till 1:30,  To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת